Fensterglasfabriken

RĪGĀ, Noliktavas ielā 3.

Tel. 21122.
[redacted] 23531.

אלע לויבן דעם

שאקאלאד

№ 100

און

„פאמעראנצן"

פון דער פאבריק

א.-ג. „אוניאן"

נייהייט! קאראמעל

דיאמאנט

Strumpf-fabrik „ESKA"

Rigā, Apšu ielā 2 Tel. 34927.

Stadtkantor und Niederlage

Weberstr. 2. Tel. 22160.

Holländer & Friedländer

31 Wallstrasse 31

Gegr. 1903.

Reisszeuge, Rechenshieber, Zeichenpapiere u. sämtliche Mal-, Zeichen- u. Schulutensilien.

Rīgas Tirdzniecības Banka A/S.

(Rigaer Handelsbank A/G.)

Riga, Kaufstr. 4. Tel. 21330, 21331, 21332.

Tel.-Adr.: „SCHU ZBANK".

Latvijas Banka Giro-Konto Nr. 432.

Postscheck-konto Nr. 1078.

Ausführung sämtlicher Bankoperationen.



Izdēvejs: Baltijas Žīdu Kaŗa Invalidu Biedrība. Rīgā, Marijas ielā 19/9.

Redaktors: A. Jakubovičs.

Grāmatu spiestuve „Splendid", Kungu ielā № 2

WEINFELD FRERES

10-ter, Rue Bisson, 1-er étage,
M-ro Belleville. OBE. 52-92

## זעלטענע געלעגנהייט

500 עלעקטרישע מאָטאָרן
פאַר שטריק- און ניי-מאַשינען
MEJERI, 71, r. Pont-au-Roi
Tél. : OBE 18-92
גאַראַנטירט 2 יאָר

---

לאַנצוטער

## מעדיצינישע קליניק

פאַר דיאַגנאָז און היילונג
וועגעריש, הויט, מענער-שוואַכע, בלוט-צירקולאַציע, פרויען-קראַנקייטן, אַפּלאַוועס, קינדערלאַזיקייט, אקושעריע

29, Avenue Hoche
Tél. WAG. 51-37
M-ro Etoile et Ternes.
Autob. 52, 43, 30, 31, 73

ראַדיאָגראַפיע, ראַדיאָסקאָפּיע, עלעקטרישע באַשטראַלונגען
ריאַטערמיע, קורצוועלן, דורכבלוזונגען פון געבורט-מוטער
(ביי קינדערלאָזיקייט)

טעגלעך פון 1 ביז 3 און פון 6 ביז 8 אָוונט און אויף ראַנדעווו. שבת פון 1 ביז 4 נ.מ. וויזיטן ביים קראַנקן צו הויז. נ אָ ר פ אַ ר מ י ט אָ ג.

---

## דאָקטאָר צימערמאַן

האָט ווידער געעפנט זיין קאַבינעט
80, Bd. SEBASTOPOL. ARC. 30-80

בלוט, הויט, ווענערישע און פרויען-קראַנקייטן, מענער-שוואַכע,
טעגלעך פון 2 ביז 7 און אויף ראַנדעווו.

---

## WILLY

קומט אין שטוב מאַכן פּיקירן פון דער געוו. פּאַלקס-קליניק
שמעלט באַנקעס און געהאַקטע באַנקעס
48, RUE RAMPONEAU. M-RO BELLEVILLE
Tél. : MEN 56-17

---

דער באַרימטער מוהל
ו ײ נ ב ע ר ג
ו ו י נ ט
54, rue Trousseau, Paris 11
Tél. ROQ. 69-94
פאָרט אויך אין גאַנץ פראַנקרייך

---

Le Gérant : O. Rabou

Imprimerie S.I.P.N.
14, r. Paradis, Paris

---

[illegible] ווינונגס-פראַגן, איבערזעצונגען, ביטעס, נצות איי אַלע אַנגעלעגנהייטן, טעגלעך פון 2 ביז 8 אָוונט.

---

## קאַבינעט פון יוריסט

## WLEJEROVIQUE

געגרינדעט אין 1932
6, r. de Belleville. MEN. 22-01
פּראָצעסן, שותּפות-אַקטן, פאַר דע קאַמערס, שטייערן און אַלע יורידישע אַנגעלעגנהייטן.
טעגלעך פון 6 ביז 8 אָוונט, אויס. שבת

---

## יורידישע ביוראָ

## G. MICHEL

59 bis, rue de Lancry, Paris 10e
M-ro : République et Bonsergent
Tèl. : NORD 92-82
פּראָצעסן, שותּפות-אַקטן
רעזשיסטער דע קאָמערס
פאַן-דע-קאָמערס, ווווינונגס-פראַגן
שטייערן און בילאַנסן
טעגלעך פון 4 ביז 8

---

ענדערונג פון אַדרעס

## יורידישע ביוראָ

## «LEX»

23, r. Taitbout (9e)
M-ro Ch. d'Antin
PRO. 84-97 ציטווייליקער טעלעפאָן
דערליידיקט אַלע ענינים אין :
ישראל, פּוילן, פראַנקרייך, אַמעריקע און אַנד. לענדער
(ירושות, ענדערונג פון נאָמען),
פולמאַכטן — דאָקומענטן,
א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג ע ן
יידישע אַדוואָקאַטן

---

AVOCAT INTERNATIONAL

## A. Zalewski

141, Rue Lamark, 18e MAR 67-81
דערליידיקט אין פּוילן, פראַנקרייך א. אנד. לענדער אַלערליי ענינים (ירושות, הייראַטס-אַקטן, מערי), טויט-שיינען, רעזשיסטער דע קאָמערס א. ד. גל.
איבערזעצונגען — פולמאַכטן

---

## די פאָטאָ-סטודיע

## Renée et Arnold

12, Bd. St.-Marcel M-ro St.-Marcel
POR. 30-16
אָפן אויך זונטיק פון 2 ביז 7.
(מאָנטיק געשלאָסן)

---

[illegible]נעם סופריין !

[illegible]סוחרים און מאַרשאַנעס פון פּאַריז און פּראָווינץ
איר ג[illegible]א גרויסן אויסוואַל צו אינטערעסאַנטע פּרייזן פון

## מענער קאָמפּלעטס - פּעניע, פּאַרדעסיס ווי אויך קאָמפּלעטס קאַרדע, הויזן גאָלף און אַנד. אין דער פאַבריק

CONFECTION POUR HOMMES ET JEUNES GENS

**M-on OSCA** 20, r. J. P. Timbaud, Paris 11e (anc. r. d'Angouléme)
M-ro Oberkampf et République (Aut. 65

---

אכטונג מאַרשאַנעס און סוחרים פון פּאַריז און פּראָווינץ

## דירעקט אין פאַבריק

לעדער-מאַנטלען, קאַנאַדיענס לעדער און לייוונט
ג ערערנע בלוזאַנס און אַנדערע אַרטיקלען. מעסיקע פּרייזן.

:—: **Vetement Sport Parisien** :—:

59, rue des Archives, Paris 3e M-ro Rambuteau. Tél. : ARC. 45-53

---

CANADIENNES
HOMMES
DAMES
ENFANTS
TOILE ET CUIR

דירעקט אין פאַבריק
ספּעציאַליטעטן
לעדער-באַקליידונג

## Ets. Poja

65, Rue Meslay, Paris 3e TUR. 80-25

---

## אכטונג שניידער און קאָנפעקציאָנערן

שנייד אויס און באַהאַלט דעם אַדרעס !
איך קויף
קופאָנס שטאָף און דובלע
פון 20 צענט. אָן און אַלע סאָרטן
Jaworski pour Zolta, 78, r. des Amandiers, Paris 20e

---

## אכטונג סוחרים און מאַרשאַנעס !

**Confection des Marais** נאָר אין דער פאַבריק
134, rue du Temple, Paris (3-me). Tél. TUR 81-53
M-ro Temple et Arts et Metiers

געפינט איר א גרויסן אויסוואַל פון :

## מענער קאָמפּלעטס און אויך קאַרדע קאָמפּלעטס און הויזן גאָלף און סאַרדע צו ביליקסטע פּרייזן !

---

## ג א ל ד

## לואי, - פונטן, - דאָלאַרן

מיר קויפן און פאַרקויפן אַנאַנים, אַלעקאַנטיטעטן — די בעסטע באַדינגונגען
**CHANGE** 55, Fg. Poissonnière PRO 65-72
עקזיסטירט זייט 1934

---

[illegible] בערנאַר[illegible] [illegible]טער פון נאָעל".
ב. גראָס.

---

ניי-איינגעוואַנדערטע
צוהערער פון
„היימישן ווינקל"
פוילישע יידן
וועלן צוזאַמען פאַרברענגען
אויפן ניי-יאָר-באַל
דעם 31-טן דעצעמבער
אין זשימנאַז זשאַרעס
לייענט איינצלהייטן אין די אַנאָנסן

---

א כ ט ו נ ג !
א כ ט ו נ ג !
זונטיק דעם 2-טן יאַנואַר 1949
וועט געוויזן ווערן
אין זאַל פּלעיעל מעטראָ, טערן
צום ערשטן מאָל
אין פּאַריז

א נייער פוילישער פילם

## שטאָלענע הערצער

אין פוילישער שפּראַך, פראַנצויזישע אונטערשריפטן.
בילעטן צו באַקומען אויסשליסלעך אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער „נייע פּרעסע", 127 פאָבורג פּואַסאָניער און ביי דער אָרג. פון פוילישע יידן, 14 רי דע פּאַראַדי.

---

## COMPTOIR du [illegible]

[illegible] און זילבער - מטבעות
[illegible]ן צו דעוויזן פאַר רייזנדע אויפן
[illegible] אָן איבערייס פון 9 פרי ביז האַלב זיבן.
ETABLISSEMENT. FINA[illegible]
129, rue Laffayette (Carrefour [illegible]

---

## Manufacture de VETE[illegible]

9, Rue Poissonnière. M-ro Senti[illegible]
[illegible] פּאַריז און פּראָווינץ, אַז
[illegible] פּאַרדעסים פון אַלערליי שטאָ-
[illegible] פּרייזן. איר געפינט גלייכצייטיק
[illegible] באַדין מענער און דאַמען און
[illegible]ין, און וועלור קאָטלע, ווי אויך
[illegible] דאַמען און קינדער.
[illegible] בלייבט אונזער קליענט !

# „טראָגט מיט שטאָלץ די געלע לאַטע!"

בערלין. —

דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד „די אידישע רונדשוי" האָט אונטערן קעפּעל: „טראָגט איהר מיט שטאָלץ, די געלע לאַטע" אָבגעדרוקט אַ גרויסען אַרטיקעל וועגען די אידען־רדיפות אין דייטשלאַנד.

דער ערשטער אַפּריל 1933 — שרייבט די „אידישע רונדשוי" — וועט זיין אַ וויכטיגער טאָג אין דער געשיכטע פון גאַנצען אידישען פאָלק. די געשעהענישען פון 1־טען אַפּריל האָבען ניט נאָר אַ פּאָליטישע אוןווירטשאַפטליכע, נאָר אויך אַ מאָראַלישע באַדייטונג. וועגען דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטליכער זייט האָט מען שוין פיעל גערעדט און מיר ווילען זיך אָבשטעלען אויף דער מאָראַלישער זייט.

## קיינער קען איצט ניט מיט ווערטער איבערגעבען דאָס, וואָס עס לעבט איבער אין האַרצען דער דייטשער איד

אַלע אידען קענען היינט צו טאָג רעדען נאָר אַלס אידען. עס איז באַזייטיגט געוואָרען דער שרעקליכער טעות, אַז מען קען פאַרטיידיגען אידישע אינטערעסען אונטער אַן אַנדער שילד. דאָס דייטשע אידענטום האָט דעם ערשטען אַפּריל באַקומען אין דעם פּרט אַ גרויסע לעהרע.

דער 1־טער אַפּריל וועט זיין אַ טאָג פון אידישער ערוואַכונג און פון אידישער ווידערגעבורט, אָבער נאָר, ווען די אידען ווילען דאָס אַליין. ווען די אידען זענען רייף און באַזיצען אינערליכע גרויסקייט. ווען די אידען זענען ניט אַזוי, ווי זייערע געגנער מאָלען זיי אויס.

מען וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר האָבען פאַרראַטען דאָס דייטשע פאָלק. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּרעסע רופט אונז — און מיר שטעהען אינגאַנצען שוצלאָז געגען דעם — שונאים פון דער נאַציע". עס איז ניט אמת, אַז די אידען האָבען פאַרראַטען דייטשלאַנד.

אויב זיי האָבען אין עפּעס געפעלשט, איז דאָס אין זיך אַליין.

דער איד האָט ניט געטראָגען זיין אידישקייט שטאָלץ און אָפען, און ווייל ער האָט געוואָלט אַראָבדריקען די אידען־פראַגע, איז ער אַליין אויך מיטשולדיג אין דער דערנידעריגונג פון אידענטום.

ביי דער גאַנצער פאַרביטערונג, וואָס כאַפּט אונז אַרום ביים לייענען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע באָיקאָט־אויפרופען, קאָנען מיר אָבער פאַר איין זאַך דאַנקבאַר זיין דעם באָיקאָט־קאָמיטעט: אין דעם, וואָס דאָרטען ווערט געזאָגט, אַז דער באָיקאָט האָט אין אַכט „אַלע געשעפטען, וואָס געפינען זיך אין די הענד פון אָנגעהעריגע צו דער אידישער ראַסע. די רעליגיע שפּילט דאָ ניט קיין ראָליע. קאַטוילישע אָדער פּראָטעסטאַנטיש, געשמדטע געשעפטסלייט זענען פאַר אונז אויך אידען.

דאָס מעגען וויסען אַלע פאַררעטער אין אידענטום. און דאָס, וואָס די באָיקאָט־אָנפיהרונג האָט פאַראָרדענט אויסצוהענגען איבער אַלע באָיקאָטירטע געשעפטען שילדען „מיט אַ געלער לאַטע אויף אַ שוואַרצער פאָן", איז אַ געוואַלדיגער סימבאָל. דערמיט מיינט מען אונז צו שטעמפּלען מיט פאַראַכטונג, אונז מבטל צו מאַכען. **אָבער מיר נעהמען דאָס אויף ווי אַן אויסצייכענונג, ווי אַ סימן פון כבוד.**

## פּראָטעסט פון די ...
## קירכען

אַנטווערפּען ...

דער הויפּ...

טעסטאַנט...

שיקט ...

בריף ...

רונג ...

[April 1933]

... א שפּיי אין פּנים אריין יע־

נאַכט געזאָלט ווערען זיין פרוי.

ער רעוויזיע אַוועקגעפיהרט דעם אַדוואָקאַט פון
ין שטוב אין אַן אויטאָ.

**צומאָרגענס פריה האָט מען ד"ר ווייערטן געפונען א ערמאָרדעטען מיט א רעוואָלווער - שאָס אין קאָפּ,** אין ווינאַו, ביי מיטווײדאַ.

די כעמניצער פּרעפעקטור האָט אַרויסגעלאָזט אַ קאָמוניקאַט אין וועלכען עס ווערט געזאָגט, אַז ד"ר וויינערט איז געפאַלען אַ קרבן פון פּראָוואָקאַ־

„דזשואיש קראָניקל" פּאַרעפענטליכט אַ לייט־אַרטיקעל א. נ. „שטילער פּאָגראָם", אין וועלכען עס ווערט אויסגעפירט, אַז **דאָס וואָס געשעהט איצט אין דייטשלאַנד, איז ערגער פון עקסצעסען מיט פיל פּאַרוואונדעטע,** ווייל עס האנדעלט זיך נישט וועגען באַלעסטיגען אַ געוויסע צאָהל יחידים, נאָר וועגען אומברענגען דעם גאַנצען אידישען קבוץ. די דאָזיגע שטרעבונג שטיצט זיך אויף אַ שענדליכע דאָקטרינע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ

הערען פון פאַרבאַנד נישט באַזייטיגט. עס הערן אָבער אָנגענומען שריט, אַז די שטעלונג פון די אידען אין דעטאַיל־האַנדעל זאָל אַנטשפּרעכען זייער שטעלונג אין אַנדערע ווירטשאַפטליכע געביטען.

## דאָס פאָלק האָט געוואָלט...

בערלין, 12 אפּריל.

דער יוסטיץ־מיניסטער קערל האָט ערקלערט, אַז די רדיפות געגען די אידישע אַדוואָקאַטען און ריכטער האָט געפאָדערט דאָס פאָלק אליין.

# וועלט האָט אינטערווענירט ביי היטלער'ן

דער פּרעזידענט רוזוועלט איז
לאַגע פון די אידען אין
איז שפּעטער געקור־
קלערט, אַז ער
אַז ער האָט

באַקומען פון היטלערן אַ פאַרזיכערונג, אַז די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג וועט אויפהערען".

---

## א אינטערוויו מיט נאָרמאַן דעוויס

אין „מאָטען" איז אָבגעדרוקט אַ אינטערוויו מיט דעם אַמעריקאַנער מלוכה־מאַן נאָרמאַן דעוויס, וועלכער קומט איצט אָן פון בערלין.

אויף דער פראַגע וועגען די אַנטיסעמיטישע רדיפות אין דייטשלאַנד האָט דעוויס זיך אַרויסגעדרעהט פון אַן ענטפער. פון דעם אינטערוויו בלייבט אָבער דער איינדרוק, אַז דעוויס ווייסט עפּעס און אַז דער רעזשים בנוגע אידען אין דייטשלאַנד וועט ווערען מילדער.

זאָלן טאַקע היטלער האָבען עפּעס צוגעזאָגט? און וואָס זענען ווערט היטלערס צוזאָגען?

# איז ענגלאַנד פערשארפט

ן באַסאַדאָר אין בערלין וועגען דער איצטיגער לאַגע פון די אידען?

צייט צוריק, ווי מיר האָבען עס

ווען ער האט געזאָלט פאָהרען צום אַעראָדראָם.

# „מיר זענען פאַרט דייטשען"

## ערקלערונג פון פיהרער פון די ליבעראַלע אידען

בערלין, 20 מערץ (יט"א).

ראַבינער לעהמאַן, איינער פון די פיהרער פון דייטשען ליבעראַלען אידענטום, האָט פאַרעפענטליכט אין „אידישען בולעטען" אַן ארטיקעל אין וועלכען ער שרייבט:

„די גרויסע פּאָליטישע געשעהענישן פון דייטשלאַנד האָבען ניט קיין שייכות צו אידען אַלס רעליגיעזע קהלה. פאַר אונז איז דער יודאַאיזם געווען און וועט בלייבען בלויז אַ רעליגיע. — די אידען בילדען אַ רעליגיעזע געמיינדע, וועלכע נעמט אַרום די אַלע, וואָס געהערען צום יודאַאיזם, פון וועלכער אָבשטאַמונג, ראַסע אָדער פאָלק זיי זאָלען ניט זיין.

מיר דייטשע אידען זענען אַ טייל פון דייטשען נאַציאָנאַלען קערפּער. מיר געהערען צו אים סיי אין די גוטע צייטען סיי אין די שלעכטע. די דייטשע נאַציאָנאַליטעט איז אונזער פּאָליטישע נאַציאָנאַליטעט. אונזערע זיידעס האָבען געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון דייטשלאַנד. מיר האָבען זיך באַטייליגט אין די דייטשע מלחמות. מיר האָבען געקעמפט פאַר אַ נייעם דייטשלאַנד. מיר זענען דייטשען, צי דאָס געפעלט אונזערע שונאים, אָדער ניט.

מיר זענען דייטשן ניט דערפאַר, ווייל זיי אַנער קענען עס אָדער ניט, נאָר דערפאַר, וואָס דייטשלאַנד איז אַ טייל פון אונז אַליין, ווייל אונזער גורל איז פאַרבונדען מיט זיין גורל. מיר האָבען ניט בדעה צו אַנטלויפען פון דאַנען, צו געהערען צו אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, צו בעטען גאַסטפריינדליכקייט ביי אַנדערע. **מיר וועלען בלייבען דאָ און קעמפען פאַר אונזער רעכט ביז אונזער לעצטען אָטעם. מען דאַרף קענען אויסוועהלען דעם מאָמענט ווען צו שרייען אָדער צו שווייגען. איצט איז פאַר אונז די צייט צו שווייגען".**

אויף דעם דאָרטיגען אַלטען ראַבינער ד"ה בערוואלד. אין דער וואוינונג פון ראַבינער ד"ר בערוואלד, אַן אַלטער מאַן, וועלכער איז באַקאַנט אַלס גרויסער געלעהרענטער און איז זעהר געאַכטעט פון אַלע דייטשע אידען, האָבען זיך ביינאַכט אַריינגעריסען אַ גרופּע כוליגאַנעס, וועלכע האָבען געצוואונגען דעם זקן מיט זיי מיטגעהן נישט ערלויבענדיג איהם אפילו זיך ווי געהעריג אָנצוטהון און האָבען איהם פאַרשלעפּט אין אַ פינסטערן הויף הינטער דער שטאָדט.

אין דאָזיגען הויף האָבען די כוליגאַנעס באַפוילען דעם אַלטען ראַבינער זיך שטעלען מיטן געזיכט צו אַ וואַנד און האָבען אויסגעשטעלט צו איהם זייערע ביקסען. איינער פון דער באַנדע האָט דאַן געגעבען אַ באַפעהל: פייער! די כוליגאַנעס האָבען אָבער נישט געשאָסען, נאָר אויסגעבראָכען אין אַ געלעכטער, האָבען דעם אַלטיטשקען רב אַרויסגעיאָגט פון הויף און זענען זיך אַליין אויך צולאָפען.

פון זיינע איבערלעבונגען און גרויס אויפר[…]
איז דער זקן איצט קראַנק און ליגט צו בעט[…]

### פראָוואָקאַציעס פון רוס[…]
### וויים-גוואַרדייצעס אין [...]

אין פאַריז זענען ערהאַלטען […]
וועגען דער פּראָוואָקאַטאָרישע[…]
ווייסע „וויים-גוואַרדייאיש[…]
דייטשלאַנד. די דאַ[…]
וועלכע איז תמיד[…]
לעריסטען, ד[…]
בייט. זי[…]
ליצי[…]
וויס[…]

גרויז[…]

דאָס נידריגסטע, דאָס שמוציגסטע, דאָס לומ־
ינגסטע איז געוואָרען דערהויבען און פאַרהיי -
ינגט. נישטאָ קיין דרך־ארץ פאַר קיין שום קול־
טור - ווערטען. עס הערשט די רויהע פויסט. מען
האַלט אָן אויף די טעאַטערען און מען וואַרפט
אַרויס די בעסטע אַרטיסטען, אויב זיי זענען נאָך
נישט קיין היטלעריסטען.

צוליעב די געשעהענישען קומען כסדר פאָר

## קאָנפליקטען מיט אויסלענדישע מלוכות

עס ווערען געשלאָגען אידען פון אַלערליי לענ־
דער און די פאַרשידענע קאָנסולאַטען מוזען כסדר
אינטערווענירען.

די דייטשע סאָציאַל - דעמאָקראַטען זענען גע־
פאַלען אויף אַ חמצאה און זיי האָבען זייערע פאַר־
טיי־בנינים פאַרקויפט צו דער שוועדישער צענט־
ראַלע. אַזוי ווי אָבער די היטלעריסטען האָבען זיך
מיט דעם נישט גערעכענט און פאַרט פאַרכאַפּט
די הייזער, איז ענטשטאַנען צוליעב הָעם אַ קאָנ־
פליקט צווישען דייטשלאַנד און שוועדען.

די לייפּציגער מעסע, וואָס איז פאָרגעקומען אין
די לעצטע טעג, איז אַדורך אינגאַנצען טויט. די
אידען, וואָס זענען שטענדיג דער הויפּט־נערוו פון
דער מעסע, האָבען דאָס מאָל אינגאַנצען גע־
פעלט.

ארץ ישראל גאַרט און וואַרט אויף אַ פרישע
עליה פון די גלות־לענדער, עס זאָלען אַהער אריינ
שטראָמען פרישע מחנות אידען, דער ישוב זאָל
ווערען וואָס אמאָל גרעסער און שטאַרקער...

יעדע שיף מיט נייע עולים ווערט באַגעגענט
דורך די הינגע איינוואוינער מיט דער גרעסטער
פרייד.

עס איז דעריבער נישט קיין פראַגע איצט אין
ארץ ישראל, צי מען קאָן באַקומען אַרבייט, נאָר
די פראַגע איז אַ גאַנץ אַנדערע און נעמליך:

ווי אַזוי ברענגט מען אַריין אין לאַנד אַריין פון
פּוילען, דייטשלאַנד, רומעניען, טשעכיען, ליטע און
אַנדערע לענדער, וואָס גרעסערע מחנות אַרבייטס־
מענשען, האָרעפּאַשנע אידען, וואָס זענען גרייט
צו אַרבייטען אין שוויס פון זייער פּנים, אַבי
רוהיג צו פאַרדינען אויף אַ שטיקעל ברויט?

אָט דאָס איז די הויפּט־פראַגע אין איצטיגען
מאָמענט.

מיר מוזען זוכען אַלע מיטלען און וועגען אריינ
צובריינגען קיין ארץ ישראל די אידען, וואָס ווע־
רען דערשטיקט פון קריזיס און דלות און אַרבייטס
לאָזיגקייט.

מיר מוזען אויפהויבען אַ שטאַרקע פּאָליטישע
טעטיגקייט אין לאָנדאָן און אין זשענעווע, אַז מען
זאָל ברייטער עפענען די טויערען פון ארץ־ישראל
פאַר אַ אידישער עליה.



עכטיגט די פארפאלגונגן. (4.ז)

The Foremost Yiddish Daily Newspaper in Great Britain.

Editor: MORRIS MYER.

Offices and Works:
325, WHITECHAPEL ROAD, LONDON, E.1
City Office: 173-175, FLEET ST., E.C.4
Telephone: BISHOPSGATE 8593.
Cables and Telegrams: "Zeitliches, London."

The

Vol. XX, No. 5897 London, Friday, March 24th. 1933. (Registered as a Newspap

# דיווין אלס עדות
## געגען די אנגעקלאגטע
### אין דעם "שרפות קאנספיראציע" פראצעס.

די גייסטע סענזאציע אין דעם "שרפות קאנספיראציע פראצעס, אין וועלכען א צאהל אידען און איינע אידישע פרוי ווערען באשולדיגט אין באשווינדלען אינשורענס קאמפאניעס, איז דאס איבערגעהן פון איינעם פון די אנגעקלאגטע אויף דער זייט פון דער אנקלאגע, דאס הייסט ארויסטרעטען געגען די אנגעקלאגטע פון וועלכע ער איז געווען איינער פון זיי.

דער דאזיגער נייער עדות פאר דער אנקלאגע, ווי ס'איז שוין געבטען געווען דערמאהנט אין די צייט, איז יודא לעאן דייווין, א לידיס אויטפיטער, פון אילפארד.

אין ווייטעם יבאקט האט דייווין ערקלערט, ווי אזוי גולד, איינער פון די באשולדיגטע, האט איהם געגעבען געלד צו עפענען א ביזנעס אין מאנטשעסטער אונטער'ן נאמען מאנטגאונס, לימיטעד.

דער סחורות לאגער, וועלכען גולד האט צוגעשטעלט אין דעם געשעפט, דערצעהלט דייווין, איז פארזיכערט געווארען אין 31 טויזענד פונט און 10 טויזענד פונט אלס קאנזעקווענץ פארזיכערונג, הגם דייווין האט געמיינט, אז דער גאנצער לאגער איז ניט ווערטה אפילו א העלפט פון דאס געלד אין וועלכע ס'איז פארזיכערט.

דייווין האט נאכדעם דערצעהלט ווי אזוי די שרפה אין דעם דערמאהנטען געשעפט, מאנטגאון געשעפט איז פארגעקומען און ערקלערט, אז ער איז ניט געווען אין מאנשעסטער בעת דער פייער איז פארגעקומען.

ער האט אויך גע'טענה'ט, אז ער האט זיך ניט באטייליגט אין אראנזשירען די אינשורענס פאר דעם געשעפט, מאנטגאון, פון וועלכען ער איז געווען דער מענעדזשינג דירעקטאר.

— האט איהר פראטעסטירט געגען דאס פאדערען פון איבערטריבענע אינשורענס געלדער? — פרעגט איהם דער מאגיסטראט.

— יא — ענטפערט דייווין — ער האט אפילו געסטראשעט, אז ער וועט איגנאנצען פארלאזען די ביזנעס.

אויף דעם, ערקלערט דייווין, זאל הערים איהם האבען געסטראשעט מיט די ווערטער:

— אויב די געהסט אוועק וועט עס זיין דיין לויה. דו, זייענדיג דער מענעדזשינג דירעקטאר, וועסט טראגען די גאנצע פאראנטווארטליכקייט פון דער גאנצער געשיכטע.

מיט דער אויסנאהמע פון איינפראגע האבען די אדוואקאטען פון דער פארטיידיגונג זיך אבגעהאלטען פארלויפיג פון נעהמען דייווין'ען אויף א קרייץ פארהער.

דער ווייטערע פארהער איז אבגעלעגט געווארען ביז אויפ'ן 3-טען אפריל מיט דער אויסנאהם פון סימאן וואולף און באל, וועלכע וועלען ערשיינען פאר א פריהערדיגען פארהער דעם 29-טען פון דעם מאנאט

ערמיער'ס
...יז פארלאמענט
...געגען און זיינע דער...ייכונ
...אין רוים.

...עפענען, וועט זי ...טליך נעהמען דעם בריטישען פלאן אלס באזיס.

מיר זיינען פארפליסטעט צו געבען דייטשלאנד גלייכע רעכט — און אונזער אינטערווענציע האט צוריקגעשטעלט די האפנונג אויף א איינפארשטענדניס.

איבערגעהענדיג צו זיין רייזע קיין רוים, — זאגט דער פרעמיער, — ווען מיר זיינען געקומען קיין רוים, האט מען איהם געגעבען א קורצען דאקומענט. דאס האט באוויזען, אז מוסאליני'ס מחשבה האט געארבייט אויף א עפעקטיווע פאליטיק און צו זאמענארבייט צווישען די מערב אייראפעאישע שטאאטען — צו דערהאלטען דעם שלום און דעם גייסט פון דעם קעלאג אבמאך. דער פלאן שלאגט פאר, אז די פארגעשלאגענע קאאפעראציע צווישען די פעלקער זאל זיין אין די ראהמען פון דעם פעלקער בונד און אז 10 יאהר זאל זיין דער ערשטער פעריאד פון דיעזען אבמאך.

# ...ע ענגלענדער
## ...עט רוסלאנד
### ...ט ווערען אויף בייל.

...נג ניט צופריעדען.

מר. מאקדאנאלד, האט דער סאוויעטישער אמבאסאדאר ערקלערט, דאס הגם ס'איז נאך ניט באשטימט געווארען די סומע פון בייל הייסט עס נאך ניט, דאס אויך ער וועט ניט באפרייט ווערען אויף בייל.

די סיבה פון דעם אבהאלט פון דער באפרייאונג פון דעם פערטען ענגלענדער אויף בייל, ווערט ערקלערט, איז דערפאר, וואס די אונטערזוכונג וועגען איהם איז נאך ניט

# באשולדיגטער איד
## אין פעלשע טרייד מארקס
### צוזאמען מיט די אנדערע באשולדיגטע ווידער אין קאורט.

בארנעט ווייסבערג, 55 יאהר אלט, א פרינטער פון בריק לעין, ווייטשע...

האט ער עס גערעכענט פאר גאנץ פארלעסליך און האט עס ניט געקענט האלטען פאר א פארברעכען.

נאכדעם, ווי אנדערע עדות זיינען אויסגעהערט געווארען האט דער מאגיסטראט אבגעלעגט דעם פארהער אויף א צווייטען מאל ווען די גאנצע זיצונג פון קאורט וועט פאר דעם געווידמעט ווערען.

## מצבה.

לובעלסקי. — די מצבה אין אנדענקען פון גאלדע לובעלסקי, פון 73 ווענטווארטה סטריט, א.1. וועט געשטעלט ווערען זונטאג, 26-טען מערץ אום 4 אוהר אויף ווילסדען בית עולם.

## מצבה.

ניופעלד. די מצבה אין אנדענקען פון דעם פארשטארבענעם מר. פיליפ ניופעלד וועט געשטעלט ווערען אויף עדמאנטאן בית עולם, נעכסטען זונטאג, דעם 26-טען מערץ אום 2.30 נאכמיטאג.

מצבה

# פרייסישער דיקטאטאר משוגע?

## גערינג געווען אין א משוגעים הויז.

## א סענזאציאנעלע מעלדונג פון שטאקהאלם.

די "דיילי העראלד" איז נעכטען ארויס מיט א סענזאציע — גערינג, דער דיקטאטאר פון פרייסען און היטלער'ס רעכטע האנד, איז א משוגענער. מיט אייניגע יאהר צוריק האט מען איהם זאגאר גע-האלטען פארשפארט אין א משוגעים הויז אין שטאקהאלם.

די דאָזיגֶע סֶנזאַציֶע, וועגֶן וואָס די "אָבֶענד ניַיעֶס" האָט שוין גֶעמֶעלדֶעט, ווערט איבֶערגֶעגֶעבֶען פון דֶעם שטאָקהאָלמֶער "דיילי הֶעראָלד" קאָ-רֶעספּאָנדֶענט אויף פאָלגֶענדֶען אופן: "איך בין אימשטאַנד איבֶערצוגֶעבֶען דאָס קאַפּיטאַן גֶערינג, דֶער נאַצי-פיהרֶער און דיקטאַטאָר פון פּריַיסֶען, וועלכֶער האָט גֶערייצט צו אידישֶע פּאָגראָמֶען, איז מיט אַ צייַט צוריק גֶעווֶען פאַרשפּאַרט אין אַ שוועדישֶען משוגעים הויז, אַלס אַ גֶעפֶעהרליכֶער מאָרפיניסט.

היַינט האָב איך גֶעזֶעהן אַ פאָטאָ-גראַפיֶע פון אַ רֶעגיסטראַציֶע קאַרטֶע פון דֶעם שטאָקהאָלמֶער שטאָטישֶען אַסיילום (משוגעים הויז), וואָס באַ-וויַיזט דאָס קאַפּיטאַן ווילהֶעלם הֶער-מאַן פאָן גֶערינג איז אויף אַ פּאָליציי פאַראָרדנונג אַוועקגֶענומֶען גֶעוואָרֶען אין אַ אַמבולאַנס אין דֶעם משוגעים-הויז און איז דאָרט גֶעהאַלטֶען גֶעוואָ-רֶען פון 1-טֶען סֶעפּטֶעמבֶער 1925 ביז דֶעם 9-טֶען נאָוועמבֶער 1925.

### ער האט זיך געהיילט אין א נערסינג האום.

איידֶער עֶר איז אָבגֶעפיהרט גֶעוואָ-רֶען אין משוגעים הויז האָט עֶר זיך גֶעהיילט אין אַ פּריוואַטֶען האָספּיטאַל אין שטאָקהאָלם. דאָרט — שרייַבט וויַיטֶער דֶער קאָרֶעספּאָנדֶענט, אַז אַזוי האָט איהם דֶערצֶעהלט די דאָרטיגֶע הויפּט נֶערס — איז עֶר גֶעוואָרֶען זֶעהר גֶעפֶעהרליך, דאָס מֶען האָט איהם לֶענגֶער ניט גֶעקֶענט דאָרט האַלטֶען. זיי זיַינֶען גֶעווֶען גֶע-צוואונגֶען איהם אָבצושיקֶען אין משוגעים הויז. גֶערינג איז גֶעוואָרֶען אַ מאָרפיניסט אין דֶער מלחמה, ווֶען עֶר איז גֶעווֶען אַ פליהֶער. קיין שטאָקהאָלם איז עֶר גֶעקומֶען אַלס הימלאָזֶער, אַנטלויפֶענדיג פון דיַיטשלאַנד אַלס נאַצי פיהרֶער.

### באפאלען א נערס.

שוין זיַיענדיג אין אַסיילום, האָט גֶערינג גֶעכאַפּט אַ אייַזֶערנֶע שטאַבֶע און מיט דֶער גאַנצֶער קראַפט זיך פאַרמאָסטֶען אויף אַ מאַן-נֶערס.

די סבה פאַרוואָס מֶען האָט איהם גֶעשיקט זיך תחילת היילֶען אין אַ נֶערווֶען אַנשטאַלט איז וויַיל עֶר האָט אָהן אַ פאַרוואָס אַרויסגֶעצויגֶען אַ פּיסטאָל גֶעהֶענדיג אַמאָל אין שטאָק-האָלם אין גֶענומֶען שיסֶען. אין 1927 איז עֶר וויַיטֶער אַנגֶעקומֶען אין דֶעם האָספּיטאַל.

### שים אהן רחמנות.

אָט דיזֶער משוגֶענֶער דיקטאַטאָר און פּאָגראָם-הֶעצֶער אויף אידֶען, האָט אַרויסגֶעלאָזט זיַין באַקאַנטֶען באַפֶעהל צו דֶער פּאָליציי: "שיס, שיס און שיס אָהן רחמנות אויף די גֶעגנֶער פון'ם שטאַאט".

יוֶעה צו דיַיטשלאַנד! משוגעים זיַינֶען איהרֶע פיהרֶער!

אוצר פון בית המקדש, דער שאַץ־קאַמער פון דער מלוכה, אין וועלכער עס האָט זיך געפינען אַ שפּאָרער טהייל פון דעם גאָלד און קאָסטבאַרע זעלטענהייטען פון דער וועלט. אויך די קליידער פון כהן גדול, די בגדי כהונה, זיינען דאָ געלעגען באַהאַלטען, דער היילינער חשן ואפוד, דאָס צירונג פון בית המקדש, די אבני שהם, און דער גאָלדענער דיאַדעם, דער נזר אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט דער שם הויה. עס איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנג־דויערנג דער קאַמפּף צווישען רוים און ירושלים און פיעל בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען אין דעם קאַמפּף ביז וואַנען מען האָט ענדגילטיג געמעגט באַהאַלטען די זאַכען אין דער שאַצקאַמער פון בית המקדש.

אינ'ם הארץ פון היכל, ווידער אָבגעשלאָסען דורך אַ פורפיר פרוכת, איז געווען דער קדשי קדשים. עס איז געווען לעדיג און טונקעל, בלויז אַ רויהער פעלזען־שטיין איז געלעגען אויף דעם גאָלען באָדען, דער אבן שתיה. דאָ, האָבען די אידען באַהויפּטעט, וואוינט גאָט ד' צבאות. קיינער האָט דאָס קדשי קדשים ניט געטאָרט באַטרעטען; בלויז איין מאָל אין יאָהר, אין יום כפורים, ווען גאָט בעט זיך איבער מיט זיין פאָלק, איז דער כהן גדול אַריינגעגאַנגען אין קדשי־קדשים. אַלע אידען פון כהיר העולם האָבען דעם טאָג געפאַסט, די עזרות און די הויפען פון בית המקדש זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענשען. זיי האָבען געוואַרט אַז דער כהן גדול זאָל אַרויסזאָגען דעם שם המפורש, וואָרים גאָט'ס נאָמען האָט מען ניט געטאָרט אַרויסזאָגען. שוין פאַר פרובירען אַליין צו דערמאָנען דעם נאָמען איז געקומען טויט שטראָף. בלויז אין דעם איינעם טאָג האָט דער כהן גדול אָנגערופען גאָט ביי זיין נאָמען. ניט קיין סך האָבען געקאָנט דעם נאָמען הערען, בשעת ער איז געקומען פון כהן גדול'ס מויל, אָבער אַלע האָבען געגלויבט, אַז זיי האָבען איהם געהערט, און הונדערטע טויזענד קניען זיינען געפאַלען כורעים אויפ'ן דיל פון בית המקדש.

עס איז געווען אַ געוואַלטיג גערעדעריי אין דער וועלט וועגען דעם געהיימניס וואָס געפינט זיך הינטער דעם פרוכת פון קדשי קדשים אין ווערט דאָרט פאַרעהרט. די אידען האָבען ערקלעהרט, אַז זייער גאָט ד' צבאות איז אומזעהבאַר, איז דעריבער פון איהם ניט פאַראַן קיין בילד. אָבער די וועלט האָט ניט געוואָלט גלייבען, אַז דער קדשי קדשים איז פשוט ליידיג. די אידען ברענגען קרבנות פאַר זייער גאָט, מוז דאָרט אַ גאָט זיין זעהבאַר אין זיין געשטאַלט. באַשטימט איז אויך דער גאָט ד' דאָרט פאַראַן און די אייפערזיכטיגע אידען באַהאַלטען איהם, כדי מען זאָל איהם ניט אָבריידען אין געווינען איהם פאַר אַנדערע, זיי ווילען איהם האָבען בלויז פאַר זיך אַליין. די שונאים פון די אידען, און דער עיקר, די אָבשפּעטענדע און אויפגעקלערטע גריכען, האָבען געזאָגט, אַז אין דער אמת'ן איז אין קדשי קדשים פאַראַן אַ קאָפּ פון אַן איזעל, וואָס ווערט דאָרט פאַרעהרט. אָבער דער שפּאָט האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג. די העלע, קלוגע רוימער, פונקט ווי די פינסטערע, אונוויסענדע באַרבאַרען, פלעגען ווערען שטיל אין פאַרטראַכט, ווען מען האָט נאָר דערמאָנט דעם גאָט פון די אידען; דאָס פורכטיגע אומזעהבאַרע אין קדשי קדשים איז געבליבען אַ געהיימניס און פחד פאַר דער וועלט.

---

## פאָרטזעצונג פרייטאָג אין די "ציים".

די פאָרטזעצונגען פון דעם באַריהמטען ראָמאַן וועלען איצט ווייטער ערשיינען יעדען מאָנטאַג, דינסטאָג, מיטוואָך און פרייטאָג אין די "צייט" — פאַרפעהלט ניט איהם צו לעזען.

72779



## פראפ׳ שמעון דובנאוו

# צו וואס א אידישער וועלט־קאנגרעס?

דער, וואס שטעלט די דאזיגע פראגע איראניש, אזוי ווי דער רשע אין דער פסח־הגדה שטעלט זי: „מה העבודה הזאת לכם?" — באווייזט, אז ער וויל ניט פארשטעהן דעם ערנסט פון דער לאגע, אין וועלכער עס געפינט זיך היינט דאס אידישע פאלק אין דער גאנצער וועלט.

— „מיר דארפען ניט קיין אידישען וועלט־קאנגרעס!" — יענע פארטיי־לייט אדער „דיפלאמאטען", וואס ענטפערען אזוי, זאגען דערמיט, אז מיר דארפען ניט קיין אידיש פאלק, פאראייניגט אין קאמף פאר זיין עקזיסטענץ אין איינעם פון די געפעהרליכסטע מאמענטען פון זיין געשיכטע.

פאר די לעצטע 150 יאהר האבען מיר נאך ניט געהאט אזא מאמענט, ווען דאס „הויז ישראל" זאל ברענען פון אלע זייטען, ווי אין דער לעצטער צייט. עס האט זיך אנגעצונדען דער בנין, וואס מיר האבען געבויט זינט דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע. נאך ערגער: עס ברענט שוין דער פונדאמענט אליין. די לעצטע „דייטשע רעוואלוציע" — ווי עס רופט זיך די היטלערישע בארבארישע רעאקציע — האט אבגעשאפען פאר מעל ניט נאר די אידישע עמאנסיפאציע: זי האט זיך פראקלאמירט אלס געגענזאץ צו דער פראנצויזישער רעוואלוציע און איהרע פרינציפען פון פרייהייט און גלייכהייט, וועלכע זי האט פארביטען מיט קנעכטשאפט („פיהרערשאפט") און אומגלייכהייט, מיטן ראסען־האס און דיקטאטור.

פון היטלעריסטישען דייטשלאנד געהט די נייע סאציאלע עפידעמיע ארום אויף דער גאנצער וועלט. זי דרינגט אריין אפען אדער באהאלטען אין די רעאקציאנערע קרייזען פון פוילען און די באלטישע מלוכות, אין רומעניען און אונגארן, אין דייטש־עסטרייך, וואס די ווילדע היטלעריסטישע חיה האלט שוין צווישען איהרע שארפע ציינער. קאראנטינען געגען דער געפעהרליכער עפידעמיע זענען דאס רוב ניטא, און וואו זיי זענען דא — העלפען זיי ניט.

די גרעסטע סכנה ליגט דערין, וואס די יוגענד איז כמעט אין אלע לענדער פארכאפט פון דער פאשיסטיש־היטלעריסטישער עפידעמיע. עס וואקסט א דור מיט פארווילדערטע אידעען און זינען, וואס וועט באזארגען מיט צרות גאנצע דורות פונם אידישען פאלק.

עס ענדערט זיך ניט נאר דער פאליטישער — נאך מעהר דער עקאנאמישער פנים פון דער וועלט. דער וועלט־קריזיס פאדערט אומעטום א גרינדליכע אומשיכטונג אין אידישעןווירטשאפטליכען לעבען. דערין איז אינטערעסירט, סיי איראפא, סיי אמעריקא נאכדעם ווי פון דער „פראספערטי" איז גארנישט געווארען.

נאך פיעל שארפער און טראגישער, ווי מיט פופציג יאהר צוריק, שטעהט אין דער וועלט די פראגע פון דער אידישער עמיגראציע, מיליאנען מוזען עמיגרירען — און עס זענען פארשלאסען פאר די וואנדערער יענע טויערען, וואס זענען אמאל געווען ברייט אפען.

עס האט זיך פארשטארקט די בוי־ארבייט אין אונזער היסטארישען ארץ־ישראל, וואוהין עס זענען געווענדעט מיליאנען ליבענדע און בענקענדע אידישע הערצער, בעטענדע אויגען. קאנען מיר אבער זיין זיכער, אז דאס לאנד וועט טאקי ווערען אונזערס, א נאציאנאלע היים פאר מיליאנען? דערווייל לאזט מען אהין אריין נאר טראפענס פון דעם עמיגראנטען־ים. מען לאזט ניט דורך אפילו גענוג ארבייטער, וואס זענען נויטיג צום גרויסען איבערבוי פון ארץ־ישראל.

צווישען ערד און הימעל שטעהט א ריזיגער פראגע־צייכען: וואס וועט זיין מיטן אידישען פאלק? די פארטרעטער פונם גאנצען פאלק מוזען זיך פארזאמלען, כדי צו באטראכטען די פראגע און געבען א קלארע תשובה: וואס צו טון.

דערצו איז נויטיג דער אידישער וועלט־קאנגרעס, וואס ווערט געפלאנט שוין צוויי יאהר אויף קאנפערענצען פון איראפעאישע און אמעריקאנישע אידען. די לעצטע קאנפערענץ האט באשלאסען צו שאפען דעם קאנגרעס אויפן גרונט פון אלגעמיינע דעמאקראטישע וואהלען. דאס איז א קלוגער באשלוס: עס דארפען וועהלען ניט פארטייען און קלייזלעך, נאר אידען. עס קאן זיך באטייליגען אין די וואהלען יעדער איד אין אלע לענדער — הוץ אין צוויי, וואו ער וועט דערפאר זיין הייב מיתה: אין היטלערישען דייטשלאנד און אין דער סאוויעט־רוסישער כינע, וואס איז אבגעשניטען פון דער גאנצער וועלט און האט אבגעשניטען איהרע דריטהאלבען מיליאן אידען פון דעם גאנצען אידישען פאלק.

רער וואס וויל האבען א „חלק בישראל", מוז געהן צו די וואהלען. ניט רעכענענדיג זיך מיט זיין פארטיי־צוגעהעריגקייט. אלע עהרליכע אידישע פארטייען דארפען געבען זייערע מיטגלידער פולע פרייהייט אנטייל צו נעהמען אין דעם איבערפארטייאישען קאנגרעס. די פארטיי, וואס וועט דאס פארוועהרען, דערקלערט זיך, אז זי שטעלט מחוץ למחנה ישראל, אויסער דער אידישער פאלקס־געמיינשאפט.

דער וועלט־קאנגרעס וועט באווייזען וויפיעל לעבענס־ענערגיע איז נאך געבליבען אין דעם עלטסטען קולטור־פאלק פון דער וועלט, וואס האט איבערגעלעבט אלע שטורם־צייטען פון דער וועלט־געשיכטע.

(פון דער צייטשריפט „דער אידישער וועלט־קאנגרעס", וואס ערשיינט איינגיכען אין פאריז, ארויסגעגעבען דורך דער עקזעקוטיווע פארן אידישען וועלט־קאנגרעס).

## קליינער פעליעטאָן

### אין וויען שלאָגט מען?

פון וויען קומען אָן אַלערליי ידיעות, וואָס ביים לייענען זיי, ווייסט מען ניט, צי איז עס אַ וויץ, אָדער אַן׳אמת.

אָט למשל מעלדעט אַ דעפּעשע פון וויען, אַז צווישען די קרבנות פון די געשעהענישען אין די לעצטע טעג זענען נישט פאַרהאַן קיין אידען.

ניטאָ קיין איין פערוואונדעטער, קיין איין גע־הרגעטער און אַפילו קיין איין צוראַבירטער גע־שעפט איז ניטאָ. די רעגירונג לאָזט ניט.

ווי עס ווייזט אויס האָט דאָ געמוזט געשעהען אַ נס, ווי אַמאָל מיט די אידען אין מצרים. דע־מאָלסט, ביי „מכת בכורות“ פלעגען די בכורים שטאַרבען בלויז ביי ז יי אין די הייזער — און די אידישע פלעגען בלייבען גאַנץ. איצט ביי „מכת דאָלפוס“ האָבען די קוילען ווייזט אויס, אויך אויסגעמיטען אונזערע אידישע קעפּ און אַנ־דערע טיילען פון אידישען גוף.

אָבער אָט קומט אַ צווייטע דעפּעשע: „אידען אַנטלויפען מאַסענווייז. די צוגען אין טשעכאָ־סלאָוואַקיי זענען געפּאַקט. די רעגירונג איז אַנ־טיסעמיטיש. די אידישע פּרעסע איז געשלאָסען א. א. וו.“

ווערט שוין די גאַנצע מעשה אביסעל אונ־קלאָר. אויב מען טשעפּעט זיי ניט, אונזערע ווינער ברידער, טאָ פאַרוואָס אַנטלויפען זיי? אויב די רעגירונג לאָזט נישט ראַבירען און שלאָגען די אידען — טאָ ווי אַזוי זשע איז זי אַנטיסעמי־טיש?

גיט מען אָבער באַלד נאָכדעם אַ קוק אויף דער דעפּעשע און מען דערזעהט דעם שטעמפּעלע „יטא“ ווערט שוין אַלץ קלאָר:

אויף די יטא־דעפּעשען קען מען אַלץ גלויבען. אָט למשל האָט מען דאָך אין אויסלאַנד געגלויבט לויט דעפּעשען פון דער יט״א אַז אין פּאַריז זע־נען געווען פּאָגראָמען. פאַרוואָס זאָלען מיר ניט גלויבען אַז אין וויען לעבען די אידען אַ גוטען טאָג, אָדער — פּונקט פאַרקעהרט.

אַז די אידען שלאָגען און ראַבירען די „היימ־ווערען“...

**אַ. היינטיגער**

## אין די אידישע טעאַטערס

### מרים קאַראַלאַווא אין לאַנקרי

אין לאַנקרי האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די לעצטע פאָרשטעלונגען פון דער באַליבטער קינסטלערין מרים קאַראַלאַווא, וועלכע האָט זעהר אַ ערפאָלגרייכען סע־זאָן אין פּאַריז. די פאָרשטעלונגען פון מרים קאַרא־לאַווא ווערען באַזוכט פון טויזענדער אידען, סיי אין לאַנקרי סיי אויפען בעלוויל.

אויפען אַלגעמיינעם פאַרלאַנג ווערט היינט ווידער אויפגעפיהרט „דאָס פּוילישע אינגעל“, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ ריזיגען ערפאָלג אומעטום. דער ערשטער אַקט שפּילט זיך אָב אין פּוילען, די לעצטע צוויי — אין בוענאָס איירעס. מרים קאַראַלאַווא שפּיעלט אַלס פרוי און אויך אַלס אינגעל.. ווייל פאַר אַ מיידעל — מיינט איהר פאָטער — איז אַ סכנה צו פאָהרען קיין אַרגענטינא.

מרים קאַראַלאַווא פיהרט דורך אויסגעצייכענט איהר ראָלע, פילט אָן דאָס טעאַטער מיט געלעכטער און רירט אויך אין די דראַמאַטישע סצענעס.

דער גאַנצער לאַכטיגער־אַנסאַמבל טרעט אַרויס היינט אָוונד אין דער פּיעסע, אַלע האָבען שעהנע און אינ־טערעסאַנטע ראָלען.

### סאַרא פילער אין „מיין אידישע מאַמע“

„מיין אידישע מאַמע“ הייסט די פּיעסע וואָס וועט היינט אָוונד געשפּילט ווערען אין „מוטואַליטע“. אין דער ראָלע פון דער מאַמען וועט אַרויסטרעטען די בעוואוסטע שוישפּילערין פון אַמעריקאַ סאַרא פילער. צוזאַמען מיט איהר וועט היימי פּריזאַנט שפּילען אַ כאַראַקטער־ראָלע. „מיין אידישע מאַמע“ איז אַ לע־בענס בילד פון זעהר אַ אינטערעסאַנטען אינהאַלט. דער עולם איז געשפּאַנט פון אָנהויב ביזן סוף. סאַרא פילער, וועלכע האָט נאָך אין אַמעריקאַ זיך ערוואָרבען אַ גרויסען נאָמען אין מוטער ראָלען, וועט דאָ אין פּאַריז, צום ערשטען מאָל, אַרויסטרעטען אין דער מוטער ־ראָלע, היימי פּריזאַנט האָט אויך זעהר אַ אינטערעסאַנטע ראָלע.

צוזאַמען מיט סאַרא פילער און היימי פּריזאַנט נע־מען אַנטייל היינט אָוונד הער און מאַד. טרוימאַן, טשייקאָווסקי, חיים לעווין, דזשעני שמולעוויטש, א. אַז. וו. די קאַסע פון מוטואַליטע איז אָפען פון 10 אַ זייגער אָן.

די פאָרשטעלונג וועט געענדיגט ווערען פּונקט 11,30.

### 3 פאָרשטעלונג אין „פּיער לעווע“

זונטאָג אָוונד, דעם 25. פעברואַר וועט פאָרקומען אין טעאַטער פּיער לעווע, אַ פאָרשטעלונג פון די צוויי שוישפּילער פון דייטשלאַנד מרים און יעקב שעפּס. עס וועט געשפּילט ווערען די פרעהליכע פּיעסע „אַ ווייב פאַרן טאַטען“.

### רודאָלף זאַסלאַווסקי אין מילהויז

אין מילהויזען וועט מיטוואָך דעם 21. פעברואַר אַרויסטרעטען רודאָלף זאַסלאַווסקי מיט זיין טרופּע אין דער באַריהמטער פאָלקס ־ קאָמעדיע פון שלום־עליכם: טוביה דער מילכיגער“. די פאָרשטעלונג וועט געשפּילט ווערען אין זאַל ליאָן רוזש (6, אַוועניו אַריסטיד בריאַן). אין דער פאָרשטעלונג וועלען זיך באַטייליגען שלמה נאַאומאָוו, מאַד. גאָלד, אַז. וו.

### אין מעץ.

## מעלדונגען

### פון „אַרבייטער - רינג“

היינט זונטאָג 2 נאָך מיטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון אַרבייטער רינג 17 עמפּאַס טריאָ די בעריכטס־און וואַהל ־ פערזאַמלונג. אַלע מיטגלידער ווערען גע־בעטען צו קומען.

שטייער־דעקלאַראַציעס ווערען ערלעדיגט (פאַר מיט־גלידער) מיטוואָך און דאָנערשטאָג אָוונד אין לאָקאַל פון „אַרבייטער רינג“.

### קינדער - גרופּע ביי „פרייהייט“

היינט האַלב 3 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין דער פעדעראַציע (5, אַוועני דע לאַ רעפּובליק) די רעגולערע פערזאַמלונג פון דער קינדער־גרופּע ביי „פרייהייט“ אונטער דער אָנפיהרונג פון זייערע ערציהער.

### דראַמאַטישער קרייז ביי „אַרבייטער־היים“

היינט 4 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל, 47 רו דע ברעטאַן אַ רעפּעטיציע.

### אידישער אַרבייטער ספּאָרט קלוב „שטערן“

היינט זונטאָג קומען פאָר 2 מאַטשען פון פוטבאָל פון דער 1. און 2. מאַנשאַפטען. די 1. מאַנ־שאַפט שפּילט געגען דער 1. „סאָלידאַריטע“ אויפען פּיסט מוניסיפּאַל אין ווענסען. זאַמעל־פּונקט 2,30 נאָכמיטאָג אויפען סטאַד. די 2. מאַנשאַפט שפּילט אויפען זעלבען סטאַד געגען „א. עס. אַ. 12“. זאַמעל־פּונקט 12 מיטאָג ביי מעטראָ פּאָרט שאַראַנטאָן. צווישען ער־שטען און צווייטען מאַטש קומט פאָר אַ ציקליסטען־געיעג.

### געז. „אַרבייטער היים“

זונטאָג האַלב 9 אָוונד, אָרדענט איין די געזעלשאַפט „אַרבייטער־היים“ אַ „ציוטונג פון לעבעדיגען וואָרט“, אין לאָקאַל פון אידישען אַרבייטער ספּאָרט קלוב „שטערן“, 47 רו דע ברעטאַן, מיט אַ רייכען אַקטועלען, ליטעראַרישען און הומאָריסטישען פּראָגראַם. צום סוף — אַ קאָנצערט־טייל פון מוזיק, געזאַנג און רע־ציטאַציעס.

### „אַלט־פּאַריז“

היינט זונטאָג קומט פאָר אַן עקסקורסיע אויף דעם בית ־ עולם פון מאָנמאַרטר. עס וועלען באַזוכט ווערען די קברים פון היינריך היינע, די קאַמעליען־דאַמע, אַלעקסאַנדער דיומאַ, רענאַן, סטענדאַל א. א.

זאַמעל־פּונקט מעטראָ בלאַנש 2,45 נאָכמיטאָג. די עקסקורסיע ווערט אָנגעפיהרט דורך י. ח. קאָרנהענדלער.

# גרויסע אנטי־נאצי־מאניפעסט[...]

[...]Times

די לייטענדע אידישע
טעגליכע צייטונג אין ענגלאנד.

רעדאקטאר מאררים מייער.

צענטראל אפיס און דרוקעריי:
325 וויטשעפעל רויד, לאנדאן, א.1
סיטי אפיס: 175-173 פליט סטריט, א.ס.
טעלעפאן: בישאפסגייט 8593.
קייבעל און טעלעג. אדרעס: „צייטליכעס, לאנדאן."

[...]-און-צוואנציגסטער יאהרגאנג. לאנדאן, דינסטאג, ט' אדר, תרצ"ו

1936

# אויל סאנקציעס

## ענגלאנד איז גרייט

### אבער מען מאכט א נייעם פארזוך פאר שלום.

זשענעווא.—מר אידען, דער בריטישער אויסערן מיניסטער, האט ערקלערט צו דעם קאמיטעט פון אכצעהן, אז ענגלאנד איז גרייט אנצואווענדען אויל סאנקציעס געגען איטאליען, אויב די אנדערע נאציאנען זיינען גרייט דערצו. דערוויל איז קיין באשלוס ניט געפאסט געווארען.

היינט קומט זיך צוזאמען אין זשענעווא דער קאמיטעט פון דרייצעהן, און לויט ווי עס ווערט פארשטאנען וועט ער מאכען א גרויסען פארזוך דאך צו ברענגען צו א שלום, און מען זאל די אויל-סאנקציעס ניט דארפען אנווענדען.

### רוים פרייהט זיך אלץ מיט דעם זיעג.

פון רוים טעלעגראפירט מען אלץ, אז מען פרייהט זיך דארט מיט דעם גרויסען זיעג פון די איטאליענער אין אביסיניען.

די מיינונגען פון אנדערע קוועלען ווייכען, אז דער זיעג איז ניט אזוי גרויס; אז די אביסינישער ארמעע איז דאך געלונגען זיך צוריקצוציהען, און וועט ווייטער שטעלען א ווידערשטאנד.

# דר. חיים וויצמאן

## אפטימיסטיש וועגען דער פאליטישער לאגע

### זיין ערקלעהרונג וועגען דעם דייטשען הילפס פלאן

ירושלים (פאלקאר) — דר. וויצמאן האט ערב זיין אבפאהר קיין לאנדאן, איינגענומען א פארשטעהער פון "פאלקאר" און געמאכט פאלגענדע ערקלערונג: ער איז אפטימיסטיש טראץ די ערנסטע פאליטישע לאגע. ער איז זעהר צופרידען מיט דער דעבאטע אין לארדען הויז. דר. וויצמאן האט אויך ערקלערט, אז דער פאראייניגטער ציוניסטישער פראנט איז א וויכטיגער פאקטאר פאר כלפי חוץ. אין לאנדאן, האט ער ווייטער ערקלערט, וועט ער בלייבען ארום 3 וואכען און זיין צייט איז שוין פולקאם פארנומען מיט פארשיעדענע אינטערוויוען. אין 15-טען מערץ וועט ער רעדען אויף א מיטינג וועגען דער רעטונגס ארבייט פאר די דייטשע אידען און וועט באריכטען וועגען דער פאליטישער לאגע. ער וועט פארמולירען די פאדערונג, דאס אמעניגסטענס 50 פראצענט פון דעם געזאמעלטען געלד אין אמעריקא זאל געהן אויף ארבייט אין ארץ ישראל דורך דער אגענץ. א ראט, וועלכער באשטעהט פון פיער ציוניסטען, פיער ניט ציוניסטען, מיט סיר הערבערט סעמיועל אלס פארזיצער איז שוין געשאפען געווארען. דער ראט וועט באשטימען דער גאנג פון דער ארבייט אין די פלענער.

# פראנקפורטערס פראצעס

## וועט זיך אנפאנגען אין הערבסט

### אפיציעלער קאמוניקאט פון דער פאליציי איבער פראנקפורטער'ס אקט.

זשענעווא (י.ט.א.) — עס איז מיטגעטיילט געווארען, דאס דער פראצעס פון דוד פראנקפורטער, וועלכער האט אסאסינירט דעם טשיף נאצי שפיאן גוסטלאף, וועט פארקומען אין הערבסט.

עס איז אויך מיטגעטיילט געווארען, אז די מאכט האט ניט געגען ה' אויגען קורטי, דער גוט באקאנטער ציריכער אדוואקאט, אלס פראנקפורטער'ס פארטיידיגער. ה' אויגען קורטי איז באאויפטראגט געווארען פון פראנקפורטער'ס פאמיליע צו פארטיידיגען זייער זוהן.

די פאליציי האט אויך ארויסגעלאזט א קאמוניקאט וועגען דעם ביז איצטיגען רעזולטאט פון איהר אויספארשונג אין דעם ענין פראנקפורטער. ער ווערט אפיציעל באשולדיגט אין "נעהמען נקמה פאר די פארפאלגטע אידען אין דריטען רייך". אין דער מיטטיילונג ווערט אויך געזאגט, אז די פראגע אויב פראנקפורטער האט געהאט שותפים צו זיין אקט איז נאך ניט באשטימט געווארען. די פראגע איז א שווערע און די אויספארשונג וועט נאך פארטגעזעצט.

עס ווערט אויך ערקלערט, אז ער ליידעט ניט פון טובערקולאז.

# ווילהעלם גוסטלאף

## איז געווען דער פיהרער

### פון נאצישען טעראר אין אויסלאנד.

### איז ער געווען פאראנטווארטליך פאר דער ערמארדונג פון דר. דאלפוס און פראפעסאר לעסינג?

זשענעווא. — די אויספארשונגען, וואס ווערען אנגעפיהרט בנוגע דער טעטיגקייט פון ווילהעלם גוסטלאף, וועלכער איז דערשאסען געווארען פון דוד פראנקפורטער, ציינט זיך ארויס, אז גוסטלאף איז ניט נאר געווען דער פיהרער פון די נאציס אין דער שווייץ, נאר דער אנפיהרער פון דער געפעהרליכסטער נאצישער שטורמיסטען גרופע, וואס האט געהאט די אויפגאבע ניט נאר צו העצען נור אויך דורכצופיהרען טעראר אקטען אין פארשידענע לענדער. באזונדערס האט גוסטלאף אנגעפיהרט די נאצישע טעראר טעטיגקייט אין עסטרייך און טשעכאסלאוואקיען און דאס ערקלעהרט פאר וואס ער פלעגט אפט באזוכען די דאזיגע לענדער.

מען פרעגט זיך גאנץ ערנסט אין דער שווייץ צי ווילהעלם גוסטלאף האט ניט געהאט אויך א האנד אין דער ערמארדונג פון דר. דאלפוס, דער קאנצלער פון עסטרייך און פון פראפעסאר לעסינג?

# פוילישע[...]

## איילט זיך אנ[...]

### צו פארבאטען[...]

די קאמיסיע איז שוין ביי[...]
טאר באטייליגט זיך כאט[...]
— הרב רובינשטיין וועט[...]
שטא[...]

ווארשא (י.ט.א.)— דער פוילישע[...]
סיים איז שוין צוגעטרעטען דורכצו[...]
פיהרען דעם שחיטה-פארבאט. ד[...]
העצער געגען דער אידישער שחיט[...]
טהון אלץ, אז דער פארבאט זאל ווי[...]
אמגיכסטען אנגענומען ווערען.

עס האט זיך שוין פארזאמעלט ד[...]
אדמיניסטראטיווע קאמיסיע אונטער'[...]
פארזיץ פון דעפ. דוך, געוועזענע[...]
וויצע-אינערן-מיניסטער, וועלכע[...]
האט אויפ'ן ערשטען פונקט פון דע[...]
טאג ארדנונג ארויפגענומען דע[...]
